# LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du...

# ייִדיש

61



## מענדל מאַן

1975-1916

## MENDL MAN

JUIN 2008 יוני

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire ...

# ייִדיש אין אַמעריקע

**אַן אינטערוויו מיט שיקל פישמאַן** (ניו-יאָרק)
**אויפגענומען פון פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן** (פּאַריז)



שיקל פישמאַן

**מאַקס קאָהן :**
**ווער זענט איר און וואָזוי קומט איר צו ייִדיש?**

**שיקל פישמאַן :**
איך בין אַן אַמעריקאַנער געבוירן קינד פון ייִדישע איבערגעגעבענע עלטערן; דער טאַטע, אהרון, (פון סאָראָקעביים דניעסטער, אין דער דעמאָלסטיקער בעסאַראַביע) און די מאַמע, סאָניע (פון אָסטראָפּאָליע, אויף דער אַנדערער זייט דניעסטער, אין אוקראַיִנע). בעתן לערנען זיך אין די אַמעריקאַנער עפנטלעכע שולן און אוניווערסיטעטן אין פילאַדעלפיע (וווּהין טאַטע-מאַמע זענען אָנגעקומען אין 1910 און 1920), בין איך דורכגעגאַנגען די גאַנצע ייִדיש-וועלטלעכע שול-סיסטעם, פון פאָלקשול, מיטלשול, און העכערע קורסן ביז ייִוואָ-אַספּיראַנטור (דאָס לעצטע אין ניו-יאָרק). דעם דאָקטאָראַט האָב איך באַקומען אין 1951, פון קאָלומביע-אוניווערסיטעט, פאַר אַ דיסערטאַציע וועגן די אַנטי-אַמעריקאַנער סטערעאָטיפּן פון תלמידים אין פאַרשידענע ייִדישע שולן. בעתן דאָקטאָראַט בין איך געווען אַ תלמיד פונעם ייִדישן היסטאָריקער סאַלאָ באַראָן און פונעם ייִדיש-לינגוויסט מאַקס ווײַנרײַך און געבליבן אַ תלמיד פון זיי ביידן עד-היום.

ביי טאַע-מאַמע אין דער היים האָבן מיר אַלע גערעדט נאָר אויף ייִדיש (די עלטערן מיט די קינדער און די קינדער - איך מיט מיין שוועסטער די שפּעטערדיקע ישראלדיקע ייִדיש-פּאָעטעסין (און מאַנגער-פּרייז געווינערין) רחל פישמאַן - איינער מיטן אַנדערן. זייער כּסדרדיקע אייגענע אַריינגעטאָנקייט אין "ייִדיש-אַרבעט", האָבן ביידע קינדער איבערגענומען פון טאַטע-מאַמען, וועלכע זענען ביידע געווען כּל-ימיהם 24-שעה אין מעת-לעתיקע ייִדיש קולטור-אַקטיוויסטן. מיין פרוי, געלע שוויד פישמאַן, איז מער ווי 50 יאָר געווען אַ ייִדיש לערערין אין שולן אויף אַלע מדרגות און פון אַלע ריכטונגען אין דער פרייער און אין דער פרומער ייִדישער אַמעריקע. איצט שרייבט זי ייִדישע פּאָעזיע און דרוקט זיך אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און ביכער. מיר רעדן כּסדר בלויז ייִדיש צווישן זיך און מיט אונדזערע דריי זין. די זין קענען אַלע גלענצנדיק גוט רעדן ייִדיש נאָר בלויז איינער פון זיי, דער מזרח-אייראָפּעיִשער היסטאָריקער דוד פישמאַן, טוט דאָס נאָך עד-היום מיט זיין פרוי און קינד. לזיכּרון מיינע עלטערן האָבן געלע און איך נאָך זייער פּטירה פאַרלייגט די "אהרון און סאָניע פישמאַן פונדאַציע פאַר ייִדישער קולטור" וואָס פאַרטיילט יעדן יאָר קליינע סומעס כּדי צו שטיצן נייע פּראָיעקטן לטובת ייִדיש, דער עיקר כּדי צו פאַרשפּרייטן דאָס לשון צווישן ייִדישע קינדער אין אַמעריקע אי אין אַנדערע לענדער איבער דער וועלט ווּ נאָר זיי געפינען זיך.

**מאַקס קאָהן :**
**וואָס איז דער איצטיקער מצב פון ייִדיש אין אַמעריקע?**

**שיקל פישמאַן:**
דער עיקר צוליבן חורבן איז ייִדיש געבליבן אַ קליינע אימיגראַנטן-לשון וואָס האָט ניט קיין שום אויסזיכטן צו וואַקסן ווי אַ נאַטירלעכע ריידשפּראַך צווישן דעם וועלטלעכן סעקטאָר. אָט דער סעקטאָר באַמיט זיך איבערצוגעבן אַ ביסל וויסן, געניטשאַפט און דרך-ארץ צום לשון דורך אוניווערסיטעט-קורסן וואָס זענען זייער פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד. אָט די קורסן נעמען ניט אַרום מער ווי עטלעכע הונדערט תלמידים יעדן יאָר און זיי געלינגט ניט (פונקט ווי עס געלינגט ניט קיין שום לשון-קורסן איבער דער גאָרער וועלט) איבערצוגעבן דאָס לשון ווי אַ צווישן-דורותדיק פאַרבינד-לשון נאָך דעם ווי די קורסן ענדיקן זיך נאָך אַ יאָר-צוויי. די געציילטע יחידים און משפּחות וואָס פאַרבינדן זיך דערנאָך מיט "יוגנטרוף", "ייִדישוואָך" און אינטערנעץ-שמועס-גרופּעס זענען מער הלחהדיק אין שייכות מיטן אויפהיטן און לעבן דאָס לשון וואָס זיי האָבן זיך דערלערנט אויף די קורסן. זיי זענען אָבער יוצא-דופנדיק און זייער קליין אין צאָל.

די חרדישע וועלט איז צוריק געקומען צו אַ נאָרמאַל טאָגטעגלעכן לעבן אויף ייִדיש נאָכן חורבן און עס געלינגט איר אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס (כאָטש אויך ניט ביי אַלעמען צי אומעטום) אויפצוהיטן דאָס לשון ווי אַ בשותּפותדיקס פאַר אַלע פּריוואַטע און קהילישע הצטרכותן פאַר אַלע דורות. די חרדים זענען מומחים אויף אויפשטעלן סוגים אַרום זייערע הייליקייטן. זייער גאַנצער לעבנסשטייגער איז פונעם מין אויפצושטעלן אַזעלכע סוגים און אַזוי ווי ייִדיש איז אַ טייל פון זייער איינגעשטעלטן לעבנסשטייגער איז עס אָפּט, אַן קיין איבעריקער באַמיִונג, אויך אויפגעהיט און ס'רוב אויף אַ צווישן-דורותדיקן אופן.

ביי וועלטלעכע ייִדיש-פּאַטריאָטן איז דאָס לעבנסשטייגער אַ פאַרקערטס ווי ביי די חרדים, ד"ה, אַזאַ וואָס פאַרווישט און צעשטערט גרענעצן צווישן פעלקער, קולטורן און גלויבנס און ייִדיש איז וויסיקערהייט און ניט וויסיקערהייט, דאַנק דעם גייעג נאָך סאָציאַלן שטייגן און אָט דער "פּראָגרעסיוועד" נטיה, פאַרלוירן געגאַנגען ווי אַן אָפּזונדערנדיק לשון-של-כל- יום ועדה. ניט די שיינע ייִדישע ליטעראַטור זייערע און ניט די אוניווערסי-טעטישע קורסן זענען פעיִק צו קאָנטראָלירן און אויפצוהיטן זייערע גרענעצן לגבי דעם אַנדערש-שפּראַכיקן (בפרט נאָך דעם ענגליש-שפּראַכיקן) אַרום. אגב, אַזוינס האָט קיין שום אימיגראַנטן-לשון אין אַמעריקע ניט באַוויזן, אַפילו ניט די סאַמע גרעסטע (דייטשיש, פראַנצויזיש און שפּאַניש), באַרימסטע און שטאַרקסטע איבער דער וועלט. אַלע גייען זיי אונטער אַן אויסנאַם נאָך דעם ווי זיי נעמען זיך צום באַטייליקן באהבה אינעם אַרומיקן אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער און אינעם גייעג נאָכן געזעלשאַפטלעכן שטייגער וואָס איז זיין סימן-מובהק.

**מאַקס קאָהן:**
**מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך איצט?**

**שיקל פישמאַן:**
איך בין אַלע יאָרן אַ פּראָפעסאָר פון סאָציאָלינגוויסטיק. דאָס איז אַ פאַך וואָס פאַרנעמט זיך מיט די היסטאָרישע און געזעלשאַפטיקע השפּעות אויף דער סטרוקטור און אויפן גורל פון לשונות. איך האָב אַ סך געשריבן און פובליקירט; מער ווי הונדערט ביכער און ערך 1000 (טויזנט) זשורנאַל-אַרטיקלען, און דערפאַר בין איך צו האַלטן רעפעראַטן איבער אַמעריקע און איבער דער גאָרער וועלט. איך בין שוין לאַנג עמעריטירט (זינט 1988) נאָר איך וועל איבער אַ יאָר ווידער אַרויסגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון מיין פאַרשפּרייטער כרעסטאָמאַטיע "לשון און עטנישע אידענטיטעט" (Oxford University Press) און איך שרייב נאָך ווייטער מיין חודשלעכן ייִדיש-קאָלום פאַרן "פאָרווערטס", אַ צייטונג, וואָס איך לייען שוין זינט מיין פילאַדעלפיער קינדהייט. דעם זומער האָט מען מיך פאַרבעטן צו לייענען אַ שליסל-רעפעראַט ביים -100יאָריקן יובל אין טשערנאָוויץ פון דער "ערשטער וועלט-קאָנפערענץ פון דער ייִדישער שפּראַך" (טשערנאָוויץ 1908). איך האָב שוין וועגן אָט דער קאָנפערענץ גערעדט און געשריבן הונדערטער מאָל, אַפילו גאַנצע

ביכער, און איך קוק זייער אַרויס אויף צו זיין דאָרט און די שטאָט אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן. הכלל, איך פיר נאָך אַ שעפעריש לעבן און באמי זיך מיט אַלע כוחות אַז ייִדיש זאָל דערביי ניט פאַרלוירן גיין, ניט ביי מיר און ביי ייִדן אין האַרצן און ניט ביי גויים אין די אויגן. איך און געלע טרויערן כּסדר אויפן חורבן וואָס האָט ביי אונדז צוגענומען טייערע קרובים, אינסטיטוציעס און קולטור-מענטשן און האָט לסוף אַפילו אונדז אין אַמעריקע גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט. מיר ווען דאָס וואָס מיר האָבן פאַרלוירן קיין מאָל ניט צוריק באַקומען, נאָר מיר באַמיען זיך כּסדר אויפצוהיטן דאָס ביסל זכר-לחורבן וואָס עס לאָזט זיך נאָך.

אייך און די "ייִדישע העפטן" ווינטשן מיר הצלחה און אריכת-ימים צוליב דעם וואָס איר פּרובירט אויפטאָן אין אָט דעם וויכטיקן שייכות. איך וויל אַז מיינע אייניקלעך (דער פינפטער דור פישמאַנס אין אַמעריקע!) זאָלן באַווייזן פון ייִדיש (פונעם פרומען ייִדיש און פונעם פרייען) צו שעפּן סיפּוק-נפש, ווי זייערע עלטער-זיידעס, זיידעס און עלטערן האָבן דאָס אַפילו "אויפן שטיינערנעם באָדן פון אַמעריקע" און באַוויזן דאָס צו טאָן דור נאָך דור.

**משה שולשטיין**

"דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער"

פּאַריז 1974.

# אַ בוים אין ישראל

ערגעץ ביי אַ ראַנד פון ירדן, צי לבנון
(דאָס אָרט איז אפשר גלייכער נישט דערמאָנען),
אויף אַ פעלד פון שטיינער, זאַמד און דערנער,
פאַרבליבן דאָרט פאַרפלאָנטערט, ווי די הערנער
פון לאַנג פאַרצוקטע חיות פון קדמונים,
וואָס דער צאָן האָט זיי געמוזט, באין־ברירה, שווינען —
אַ בוים האָט אויפגעשאָסן שיין, געראָטן,
מיט אַלדאָס גוטס; מיט בליט־און־בלאַט און שאָטן —
די זון זאָל ווינציקער אין איר ממשלה ברענען.
פאַר אַלץ לאָמיר זיין יחוס־שטאַם באַקענען;
עמעץ האָט פון דר׳ערד אַרויסגענומען איינמאָל
אַ שטיין און אויף זיין אָרט פאַרזעצט אַ ביימל.
אַ ריטל קוים וואָס איז מבטיח שפּעטער;

טיפע וואָרצלען, קאָרע, צווייגן, בלעטער,
און שבת־אויבסט, אויב גאָט וועט אים באַשערן,
און טראָפּנס טל, ווי לויטערע באַהאַרצטע טרערן.
צוזאַמען מיטן ישוב ווערט ער גרעסער, העכער,
ער וואַקסט מיט קינד און רינד, אַריבער אַלע דעכער.
צוזאַמען מיט דער עופות־שטייג, דער שטאַל און טראַקטאָר,
וואָס פעלדזיק־האַרטע ערד אויף ברויט צעהאַקט ער.
נאָר מיטאַמאָל אַ דונער האָט אים איינגעבויגן —
אַ באַזוקאַ־קויל צום בוים איז אָנגעפלויגן,
און זיינע גרינע קודלעס אָנגעצונדן,
איז ער פאַרשעמט געלעגן אין די פלאַמען־וווּנדן.
זיין יעדעס בלעטעלע אַ צונג, וואָס האָט געשריגן,
ווייל וואָסער שאַנד איז גרעסער פאַר אַ בוים — ווי ליגן?...

אַ צווייטע קויל האָט זיינע וואָרצלען אויסגעריסן.
די גרוב נאָך אים נאָך טיפער אויסגעביסן.
נאָר אין איר וויסטער הוילעניש, דער שוואַרצער נידער,
מען האָט פאַרזעצט אַ נייע פלאַנץ און ווידער
שוין וואַקסט אַ צווייטער בוים, אין פייער בליט ער.
זיין יעדער בלאַט איז וואַך — דאָס אויער פון אַ טורעם־היטער.

1968